# LESSON 15

## פּאָפּולערע לעקציע

# די ייִדישע נביאים

### אַ נבֿואה פֿון תּנך

ייִדן רופֿט מען אַ מאָל „דאָס פֿאָלק פֿון בוך", ווײַל זיי האָבן געברענגט דער וועלט דעם תּנך. די גאַנצע וועלט לייענט און לערנט דעם תּנך אין העברעיִשן אָריגינאַל און אויף אַנדערע שפּראַכן. אין תּנך געפֿינען מיר אַזאַ נבֿואה פֿונעם גרויסן נבֿיא ישעיה:

און עס וועט זײַן אין סוף פֿון די טעג,
שטאַרק וועט שטיין דער באַרג פֿון גאָטס הויז.
אַלע פֿעלקער וועלן צו אים שטראָמען,
און אַ סך פֿעלקער וועלן גיין און וועלן זאָגן:
קומט, לאָמיר אַרויפֿגיין צו דעם באַרג פֿון גאָט,
צום הויז פֿון דעם גאָט פֿון יעקבֿ;
און ער וועט אונדז לערנען פֿון זײַנע וועגן,
און מיר וועלן גיין אין זײַנע שטעגן;
ווײַל פֿון ציון וועט אַרויסגיין לערנונג
און גאָטס וואָרט פֿון ירושלים.
און ער וועט מישפּטן צווישן די פֿעלקער.
און זיי וועלן שמידן זייערע שווערדן אויף אַקער־אײַזנס
און זייערע שפּיזן אויף צווײַגמעסערס.
אַ פֿאָלק קעגן אַ פֿאָלק וועט ניט אויפֿהייבן קיין שווערד,
און מען וועט זיך מער ניט לערנען קיין מלחמה.

### אַ מעשׂה מיט אליהו־הנבֿיא

אַ מאָל זײַנען געווען צוויי ברידער, ייִדישע בעל־מלאָכות. זיי האָבן שווער געאַרבעט און גוט פֿאַרדינט. איין מאָל האָט אַ רײַכער מאַן אין דער שטאָט, ווו זיי האָבן געוווינט, געוואָלט פֿאַרקויפֿן איינס פֿון זײַנע גרויסע הײַזער. קיינער פֿון די קריסטן אין שטאָט האָט ניט געהאַט גענוג געלט צו קויפֿן דאָס הויז. האָבן עס די צוויי ברידער געקויפֿט.

האָבן די קריסטן געזאָגט: „זעט, ייִדן נעמען שוין ווידער אונדזערע זאַכן!״ און זיי האָבן באַשלאָסן צו נעמען נקמה אין די צוויי ברידער. האָט מען אונטערגעוואָרפֿן לעבן הויז פֿון די ברידער אַ טויטן און מען האָט געזאָגט, אַז די ייִדן האָבן אומגעבראַכט אַ קריסט צו ניצן זײַן בלוט אויף פּסח. מען האָט די ברידער אַרײַנגעזעצט אין תּפֿיסה.

אַ לאַנגע צײַט זײַנען זיי געזעסן אין תּפֿיסה, און אַלע טאָג האָט מען געפֿונען נײַע „עדות״ וואָס האָבן „געזען״, ווי די ייִדן האָבן אומגע-בראַכט דעם קריסט און געניצט זײַן בלוט. האָט מען די ייִדן געמישפּט און זיי פֿאַרמישפּט צום טויט.

אין דער נאַכט פֿאַר דער עקזעקוציע האָט זיך איינעם פֿון די ברי-דער געחלומט, אַז עס קומט צו אים אליהו-הנבֿיא, אַן אַלטער מאַן מיט אַ ווײַסער באָרד און גוטע, ווייכע אויגן, און זאָגט צו אים: „פֿאַרליר ניט דעם בטחון, מײַן זון. איך וועל ראַטעווען דיך און דײַן ברודער. שלאָף רויִק, גאָט האָט אײַך ניט פֿאַרגעסן.״

דער טאָג פֿון דער עקזעקוציע איז געקומען. דער מלך און דאָס גאַנצע פֿאָלק זײַנען געקומען זען, ווי מען הענגט אויף די ייִדן. די צוויי ברידער זײַנען שוין געשטאַנען לעבן דער תּליה. נאָר פּלוצלינג איז געוואָרן אַ טומל צווישן פֿאָלק. אַן אַלטער מאַן מיט אַ שווערד אין דער האַנט האָט זיך דורכגעריסן צום מלך און האָט אויסגעשריגן:

„מלך! די צוויי ברידער זײַנען אומשולדיק. זיי האָבן גאָרניט געטאָן. שולדיק זײַנען די!״ און ער האָט אים געוויזן די זעקס מענטשן וואָס האָבן אונטערגעוואָרפֿן דעם טויטן און וואָס זײַנען געזעסן צווישן פֿאָלק, נאָענט צו דער תּליה.

מען האָט געבראַכט די זעקס מענטשן פֿאַרן מלך. זיי האָבן זיך מודה געווען. מען האָט באַלד באַפֿרײַט די צוויי ברידער און זיי געבראַכט אין זייער נײַ הויז וואָס זיי האָבן געקויפֿט. די ברידער האָבן געדאַנקט גאָט, וואָס ער האָט זיי געשיקט אליהו-הנבֿיא, און האָבן געשאָנקען אַ גרויסן טייל פֿון זייער געלט פֿאַר אָרעמע.

די מעשׂה און אַ סך אַנדערע מעשׂיות דערציילט דאָס ייִדישע פֿאָלק וועגן דעם גוטן אליהו-הנבֿיא.

## VOCABULARY

• דאָס אויג (ן) eye
אוי׳ס | שרײַען (אוי׳סגעשריגן) to cry out
• אוי׳פֿ | הייבן (אוי׳פֿגעהויבן) to lift, to raise
• אוי׳פֿ | הענגען (אוי׳פֿגעהאָנגען) to hang
או׳משולדיק innocent
או׳נטער | וואַרפֿן (או׳נטערגעוואָרפֿן) to "plant"
• אַזאַ׳ (*plural*: אַזעלכע) such
• אליהו־הנבֿיא [ELYO'HU-HANO'VI] the prophet Elijah
דער אַקער־אײַזן (ס) plowshare
אַרוי׳ס | גיין (איז אַרוי׳סגעגאַנגען) proceed
אַרוי׳פֿ | גיין (איז אַרוי׳פֿגעגאַנגען) to ascend
דער אָריגינאַ׳ל original
• אַרײַ׳נ | זעצן put (into prison)
• באַפֿרײַען to set free
• דער באַרג (בערג) mountain
• די באָרד (בערד) beard
דער בטחון [BITOKHN] faith
• דאָס בלוט blood
דער בעל־מלאָכה (—ות) [BALME-LOKHE— -*s*] artisan
• ברענגען bring
דאַנקען to thank
דו׳רכ | רײַסן זיך (דו׳רכגעריסן) to push one's way through
• די האַנט (הענט) hand
• דאָס וואָרט (ווערטער) word
• ווײַזן (געוויזן) to show
ווייך soft
וועגן ways
• זיצן (איז געזעסן) to sit

• חלומען זיך [KHO'LEMEN] to dream
עס חלומט זיך מיר I dream
• דער טויט death
דער טויטער (*inflected like an adjective*) corpse
• דער טומל uproar
• יעקבֿ [YANKEV] (*here figuratively*) the Jewish people; *also, man's name* (*Yiddish equivalent of* Jacob)
ירושלים [YERUSHOLAIM] Jerusalem
ישעיה [YESHAYE] Isaiah
• לאַנג long
די לערנונג learning
לערנען to teach
מאָל: • אַ מאָל sometimes, once
מודה: •זיך מודה געווען [MOYDE] confessed
• מישפטן [MI'SHPETN] to judge; to try
• מער ניט no more
• די נאַכט (נעכט) night
• נאָענט close
די נבֿואה [NEVUE] prophecy
• דער נבֿיא (ים) [NOVI—NEVIIM] prophet
די נקמה [NEKOME] revenge
דער עדות (—) [EYDES] witness
די עקזעקוציע execution
• פּלוצלינג suddenly
דער פּסח [PEYSEKh] Passover
אויף פּסח for Passover
פֿאַרמישפּטן [FARMISHPETN] to condemn
דער צווײַ׳גמעסער (ס) pruning hook

ציון [TSIEN] Zion
• ראַטעווען to save
• רויִק peaceful, calm
• רופֿן (גערופֿן) to call
די שווערד (ן) sword
שולדיק guilty
• שטאַרק strong
דער שטעג (ן) path
שטראָמען to stream
• שלאָפֿן (געשלאָפֿן) to sleep
שמידן (אויף) to forge (into)
• שענקען (געשאָנקען) to give away (as a gift)
די שפּיז (ן) spear
די תּליה [TLIYE] gallows
• דער תּנך [TANA'KH] Old Testament
• די תּפֿיסה (—ות) [TFISE— -S] prison

## QUESTIONS

1. פֿאַר וואָס רופֿט מען ייִדן „דאָס פֿאָלק פֿון בוך“? 2. פֿון וועלכן נבֿיא איז די נבֿואה?

3. פֿון וואָס האָבן די צוויי ברידער פֿאַרדינט? 4. וואָס האָבן זיי געקויפֿט פֿאַר זייער געלט? 5. וואָס האָבן די קריסטן פֿון שטאָט געזאָגט? 6. ווי האָבן זיי נקמה גענומען אין די צוויי ברידער? 7. וואָס האָט מען געטאָן מיט די צוויי ברידער? 8. אויף וואָס האָט מען זיי פֿאַרמישפּט? 9. וואָס האָט זיך געחלומט איינעם פֿון די ברידער? 10. וואָס האָט אים אליהו־הנבֿיא געזאָגט? 11. ווער איז געקומען זען די עקזעקוציע? 12. וואָס איז געשען, ווען די ברידער זײַנען שוין געשטאַנען לעבן דער תּליה? 13. וואָס האָט דער אַלטער מאַן געטאָן? 14. וואָס האָט דער מלך געטאָן? 15. וואָס האָבן די ברידער געטאָן, ווען זיי זײַנען געקומען צוריק אַהיים?

## GRAMMAR

### 1. Future Tense

ער וועט אונדז באַלד רופֿן He will call us soon

The future tense is formed by adding the infinitive of the verb to the appropriate form of the auxiliary, which is conjugated as follows:

| | |
|---|---|
| איך וועל רופֿן | מיר וועלן רופֿן |
| דו וועסט רופֿן | איר וועט רופֿן |
| (צי וועסטו רופֿן?) | זיי וועלן רופֿן |
| ער וועט רופֿן | |

### 2. Future Tense of איז דאָ and איז ניטאָ

עס איז דאָ גענוג: עס וועט זײַן גענוג

עס איז ניטאָ קיין געלט: עס וועט ניט זײַן קיין געלט

In the future tense, דאָ in expressions meaning "there will be" is omitted, while ניט is substituted for ניטאָ.

### 3. Avoiding Redundant Verbs

לייבל קען ייִדיש, **אָבער זײַן ברודער** קען ניט קיין ייִדיש

In the above sentence, the second clause contains some sentence units which are included in the first clause and some which are new. In Yiddish, redundancy of this type is avoided by expressing *only the new units* in the second clause:

| | |
|---|---|
| לייבל קען ייִדיש, אָבער זײַן ברודער ניט | Leybl knows Yiddish, but his brother does not |

Thus, if the verb in the second clause is the same as in the first, it is not expressed. In English, where this omission is impossible, the auxiliary "do" is substituted for the verb. In Yiddish, no such substitution is made.

| | |
|---|---|
| איך פֿאַרשטיי די מעשׂה. און דו? | I understand the story. Do you? |
| מיר איז געפֿעלן דאָס בוך, און אים אויך | I liked the book, and he did too |

איך פֿאַרשטיי ניט קיין כינעזיש און איך האָב עס קיין מאָל ניט פֿאַרשטאַנען
הײַנט אַרבעט איך, אָבער מאָרגן וועל איך ניט אַרבעטן [אָבער מאָרגן ניט]

If the verb in the second clause is the same, but in a different tense from that of the first clause, the entire verbal construction must be expressed. Sometimes, as in the last example, the entire verbal construction is omitted without loss of clarity, but it is an error to express or omit only part of the verbal construction. Thus:

| | |
|---|---|
| דו וועסט מיר העלפֿן? יאָ [, איך וועל דיר העלפֿן] | Will you help me? Yes, I will |
| ניין [, איך וועל דיר ניט העלפֿן] | No, I will not |
| איר האָט זי געזען? יאָ [, מיר האָבן זי געזען] | Have you seen her? Yes, we have |
| ניין [, מיר האָבן זי ניט געזען] | No, we have not |

Expressions like **ער אויך, דו אויך, איך אויך** usually correspond to *so do* (*did, shall, am*) *I, so do* (*did, will, are*) *you,* etc.; **איך אויך ניט, דו אויך ניט** correspond to *neither do* (*did, shall, am*) *I,* etc.

| | |
|---|---|
| ער גייט אין שול, און איך אויך | He goes to school, and so do I |
| ער וועט ניט גיין אין שול, און איך אויך ניט | He won't go to school, and neither shall I |

### 4. Uncompleted Action Continuing into the Present

| | |
|---|---|
| איך אַרבעט שווער | I *have been working* hard (and still am) |

איך שרײַב איר אַלע טאָג I *have been writing* her every day
ווי לאַנג ביסטו שוין דאָ? How long *have* you *been* here?
איך בין דאָ פֿון נעכטן אָן I *have been* here since yesterday

Incomplete action which continues into the present (expressed in English by the progressive form "have been —ing") is rendered in Yiddish by the present tense.

## EXERCISES

A. Conjugate in the future tense:

1. באַפֿרײַען 2. מישפּטן 3. אַוועקפֿאָרן 4. באַהאַלטן זיך.

B. Replace the dashes by the auxiliary for the future tense:

1. ווען —— אליהו־הנבֿיא שוין קומען? 2. איך —— אים ווײַזן דעם
וועג אַהער. 3. וואָס —— איר אונדז ברענגען, ווען איר —— קומען?
4. אפֿשר —— זיי אונדז קענען ראַטעווען? 5. מיר —— אײַך שענקען
אַ שיינע מתּנה. 6. וואָס —— (ד)ו טאָן דאָרטן? 7. ווו —— זי וווינען?
8. בײַ נאַכט —— זיך מיר חלומען אַן אַלטער מאַן מיט אַ לאַנגער
באָרד. 9. עס —— ניט קלעקן קיין ברויט. 10. עס — גיין אַ רעגן.

C. Retell the passage, אַ נבֿואה פֿון תּנך, in your own words.

D. Translate into Yiddish:

1. I understand Yiddish, but my friend does not. 2. He can drive a car. Can his wife? 3. I will help you, and my husband will, too. 4. Should I ask my mother for the book? No, don't. 5. Everybody is (=All are) coming to visit us. Is Yitskhok, too? 6. Please show me your room. I will not! 7. Sometimes I play soccer, and sometimes I do not. 8. Is Philadelphia far from New York? No, it isn't. 9. I haven't taken your book, but perhaps my sister has. 10. Yesterday Khaim was at your house, but tomorrow he won't be. 11. Were you at home when I called you? Yes, I was. 12. Such things should not be bought; but they are, anyway. 13. The child was very peaceful yesterday, but now it isn't. 14. He wants to visit you. Does he indeed? 15. I see that you like such stories. So do I. 16. Yankev gave (שענקען) me a gift today, but the others didn't. 17. I couldn't sleep at night. Neither could Dovid. 18. My daughter Rivke wants to sit at the table, and so does my little son. 19. Suddenly I understood everything, but the children didn't. 20. Why is

your hand so white? I don't know why it is. 21. The people there made a great uproar, as they always do. 22. He has beautiful brown eyes, but his brother doesn't. 23. Do you ever (א מאָל) use such strong words? No, I never do. 24. The road here (*place to which*) was very long, but we are already close to the city. 25. I like the mountains. Who doesn't?

E. Give the Yiddish equivalents of *I dreamed, you dreamed, he dreamed,* etc.

F. Translate into Yiddish:

1. I have been hearing many good things about you. 2. Where have you been living? 3. My brother has been going to school in New York [for] two years. 4. Has your grandfather been in the United States very long? 5. Yes, he has been here [for] a long time. 6. I have been getting this newspaper every day. 7. I have been buying at (=in) this store. 8. I haven't been sleeping enough. 9. How long has this table been standing in the room? 10. I have been throwing out all [the] old magazines.

G. Translate into Yiddish:

KHAIM: Father, our teacher told us today that people are descended from monkeys (שטאַמען פֿון מאַלפּעס).

FATHER: Indeed? Maybe (=It can be that) you are, but I am not.

H. Translate into Yiddish:

## ROKHL'S LETTER

THE MOTHER: Rohkl, what are you doing?
ROKHL: I am writing a letter to my friend.
THE MOTHER: I did not know you could (*present tense*) write!
ROKHL: I can't, but my friend can't read anyway.

## JEWISH LANGUAGES

Until the fall of the First Temple, that is until the 6th century B.C., the Jews spoke practically pure Hebrew, the language of the Bible. Subsequently, however, their language became more and more influenced by Aramaic, a Semitic tongue which was extremely

widespread in the Near East until as late as the 8th century A.D. The majority of the Jews gradually switched to Aramaic as their vernacular. The Talmud, concluded in the 6th century A.D., was written in that language. In the meantime, the Jews in the Hellenistic world adopted Greek, and with the spread of Islam, Arabic became the spoken language of many Jews in Mediterranean countries. In Persia, too, the Jews developed Jewish versions of the local dialects. Those Jews that moved into Italy and other Romanized countries acquired Latin and, later on, the Romance languages of the Middle Ages. Of all these languages, peculiar Jewish versions came into existence. The Jews of Spain created a Jewish language of their




דער אָנהייב פֿון חומש אויף לאַדינאָ

own, Dzhudezmo (also called Judeo-Spanish in research literature). An archaic form of the language used in sacred literature is called Ladino. Dzhudezmo is today used by colonies of Sephardic (Spanish and Portuguese) Jews in the entire Mediterranean area, and also by immigrants from those lands to the Americas. Yiddish

was born around the year 1000, when French and Italian Jews began migrating to the Rhineland.

The phenomenon of Jewish language creation in various parts of the world is one of the most interesting topics in the study of Jewish and general culture. It is the task of the linguist and the social scientist to delineate the common features in the various Jewish languages; thus he will be able to outline what is specific in Jewish life and culture, as well as to trace the similarities and contrasts between various Jewish communities. This field is of great interest to general sociologists, too, for they can compare the adjustment of originally similar groups in various environments as well as study the functioning of a cultural minority in different settings.

Of all the languages created by the Jews in the diaspora, Yiddish is most richly developed and is furthest removed from its origin. It has the largest literature and the greatest number of speakers.

## הער נאָר, דו שיין מיידעלע

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מיידעלע,
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג?
וואָס וועסטו טאָן אין אַזאַ ווײַטן וועג?

איך וועל גיין אין אַלע גאַסן,
איך וועל שרײַען „וועש צו וואַשן!” —
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן.

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מיידעלע,
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווײַטן וועג?
וואָס וועסטו עסן אין אַזאַ ווײַטן וועג?

ברויט מיט זאַלץ וועל איך עסן,
טאַטע און מאַמע וועל איך פֿאַרגעסן —
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן,
אַבי מיט דיר צוזאַמען זײַן.

הער נאָר, דו שיין מיידעלע,
הער נאָר, דו פֿײַן מיידעלע,
אויף וואָס וועסטו שלאָפֿן אין אַזאַ ווײַטן וועג?
אויף וואָס וועסטו שלאָפֿן אין אַזאַ ווײַטן וועג?

איך בין נאָך אַ יונגע פֿרוי,
איך קען שלאָפֿן אויף אַ בינטל שטרוי —
אבי מיט דיר צוזאַמען זײַן,
אבי מיט דיר צוזאַמען זײַן.




young יונג
little girl דאָס מיי'דעלע
listen! נאָר: הער נאָר
pretty פֿײַן
straw שטרוי
bundle of straw אַ בינטל שטרוי
to shout שרײַען

only (*plus infinitive*), אבי'
as long as
bundle דאָס בינטל
bread דאָס ברויט
to wash וואַשן
laundry דאָס וועש
salt די זאַלץ